


# האראסמענט און ארבעטספלאץ געוואלדטאטן

### וויסט אייערע רעכטן

## וואס איז האראסמענט?

האראסמענט רעכנט אריין:

- דערנידערנדע אויפפירונג באזירט אויף סטערעא-טיפ וועגן מענטשן מיט געוויסע באשיצטע אייגנשאפטן.
- אויפפירונג געאייגנט צו פאראורזאכן אומבאקוועמליכקייט אדער פארשעמונג צוליב א באשיצטע אייגנשאפט.
- סיי וועלכע אויסדרוק פון נישט-ליבשאפט אדער פיינטשאפט פאר די גרופע צו וועלכע די באטראפענע געהערן, באזירט אויף א באשיצטע אייגנשאפט.

באשיצטע אייגנשאפטן ענטהאלטן:

- עלטער
- ראסע
- גלויבן
- קאליר
- נאציאנאלע אפשטאם
- געשלעכטליכע אויסשטעל
- מיליטערישע סטאטוס
- דזשענדער
- דיסאביליטי
- הייראט סטאטוס
- דאמעסטישע געוואלדטאטן באטראפענער סטאטוס
- דזשענדער אידענטיטעט
- קרימינאלע היסטאריע

האראסמענט אין אדער אין פארבינדונג מיט די ארבעטספלאץ איז אנטקעגן דאס געזעץ. אייער ארבעטסגעבער ווערט פארלאנגט דורך'ן געזעץ און סטעיט פאליסי צו מאכן אן ארבעטפלאץ פריי פון האראסמענט באזירט אויף באשיצטע אייגנשאפטן.

## וואס איז געשלעכטליכע האראסמענט?

סיי וועלכע מינדליכע אדער פיזישע פראבעס, געשלעכטליך ספעציפישע אדער דערנידערנדע סטעיטמענטס, אדער געשלעכטליכע דיסקרימינירנדע באמערקונג וואס איז דערנידערנדע פאר די באקומער אדער וואס שטערט מיט אויספירן זייער ארבעט. דאס שליסט איין:

- דזשענדער סטעריאטיפן
- דיסקרימינאציע צוליב דזשענדער אידענטיטעט אדער די סטאטוס פון זיין טראנסדזשענדער
- דיסקרימינאציע צוליב שוואנגערשאפט

געשלעכטליכע האראסמענט קען אריינרעכנען:

- אומגעוואונטשענע געשלעכטליכע פראבעס, פארלאנגען פאר געשלעכטליכע טובות און אנדערע מינדליכע אדער פיזישע האראסמענט פון געשלעכטליכע נאטור
- ווען א מענטש אין מאכט שלאגט פאר צו אויפטויש ארבעט בענעפיטן פאר געשלעכטליכע טובות, ווי זאגן אדער אנדייטן, "איך וועל דיר געבן א העכערונג אויב דו וועסט האבן סעקס מיט מיר," אדער "דו וועסט ווערן אפגעזאגט אויב דו לאזט מיר דיר נישט אנרירן."

האראסמענט איז אומלעגאל ווען עס איז אזוי אפט אדער ערנסט אז עס מאכט א פיינטליכע אדער דערנידערנדע ארבעט סביבה. עס איז אויך אומלעגאל ווען עס פירט צו אן אומגעוואונטשענע ארבעט באשלוס (אזוויא אז דער באטראפענער זאל ווערן פארשיקט אדער אראפגענידערט).

די באטראפענער אדער די האראסער קענען זיין סיי וועלכע דזשענדער אדער די זעלבע דזשענדער. די האראסער קען זיין די באטראפענער'ס אויפזעער, אן אויפזעער אין אן אנדערע פעלד, א מיטארבעטער אדער איינער וואס איז נישט אן איינגעשטעלטע פון די ארבעטסגעבער, אזוויא א קליענט אדער קונה.

## וואס איז ארבעטספלאץ געוואלדטאטן?

ארבעטספלאץ געוואלדטאטן איז סיי וועלכע שריט אדער דראאונג פון פיזישע געוואלדטאטן, האראסמענט, אפשרעקונג אדער אנדערע דראענדע שטערנדע אויפפירונג וואס פאסירט ביי די ארבעטספלאץ. עס לויפט פון דראאונגען און מינדליכע אביוז צו פיזישע אטאקעס און אפילו מארד. עס קען אריינרעכענען ארבעטערס, קליענטן, קונדן און באזוכער.

## וויאזוי קען די דעפארטמענט און לעיבאר העלפן ארבעטערס באריכטן ארבעטספלאץ האראסמענט אדער געוואלדטאטן?

די דעפארטמענט און לעיבאר קען העלפן ארבעטער קענען אריינגעבן א קלאגע מיטן ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון מענטשליכע רעכטן אדער שטאטישע אדער לאקאלע עקוויוועלענטן. די דעפארטמענט און לעיבאר שטרעבט פאר א טראומא-אינפארמירטע, באטראפענע-געצילטע צוגאנג. אונזער פאליסי ערלויבט באטראפענע צו באשליסן אויב זיי ווילן יא אדער נישט נאכגיין א קלאגע.

## וויאזוי קען די דעפארטמענט און לעיבאר העלפן באטראפענע מיט סערוויסעס און שטעלן פאר משפט פארברעכנס?

די דעפארטמענט און לעיבאר קען:

- מאכן רעפערלס צו שטיצנדע סערוויסעס
- העלפן די ארבעטער אדורכרעדן די ענינים מיט די ארבעטסגעבער, אויב די ארבעטער ווילט אזוי
- העלפן אנגרייטן קלאגע בויגנס און עס שיקן צו די ריכטיגע אינפארסירונג אגענטורן
- מאכן רעפערלס און ארויסהעלפן די פארברעכערישע אנטווארט צו פארברעכנס באגאנגען
- וואו פאסיג, צושטעלן רעפערלס צו לעגאלע סערוויסעס אגענטורן פאר אימיגראציע אפשאצונגען און U און T וויזע סערטיפיקאציעס
- געבן א סטעיטמענט פון אינטרעסט פאר ארבעטערס וועלכע זענען פארמישט אין א יעצטיגע אדער אנגייענדע ארבעט געשלעג

## וואס איז א U אדער T וויזע?

U וויזעס זענען יומאניטערישע וויזעס פאר באטראפענע פון געוויסע פארברעכנס. T וויזעס זענען פאר באטראפענע פון מענטשליכע טראפיקינג. די NYS DOL נעמט אין באטראכט צו געבן סערטיפיקאציעס ווען אן אימיגראנט ארבעטער אין ניו יארק איז געווען א באטראפענער פון א פארברעכן אין אן ארבעטספלאץ.

T און U וויזעס שטעלן צו די פאלגנדע בענעפיטן:

- געזעצליכע סטאטוס פאר ביז פיר יאר
- ערלויבעניש צו ארבעטן דאקומענט
- בארעכטיגונג פאר עטליכע פובליק בענעפיטן
- בארעכטיגונג פאר געזעצליכע דויערהאפטיגע סטאטוס נאך דריי יאר
- סטאטוס וואס קומט נאך פאר פאמיליע מיטגלידער

## וואס איז א סטעיטמענט פון אינטערעסט?

אונטער די היימלאנד זיכערהייט דעפארטמענט'ס פראסעקיוריטעל דיסקרעשן פאליסי, קענען געוויסע מענטשן אדער זייערע אדוואקאטן בעטן א "סטעיטמענט פון אינטערעסט" פון די לעיבאר דעפארטמענט.

אויב איר זענט פארמישט אין א יעצטיגע און אנגייענדע ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (NYSDOL) אויספארשונג און איר האט מורא צו קאאפערירן אין דעם אויספארשונג צוליב מעגליכע אימיגראנט-באזירטע נקמה, קען אייער אדוואקאט אדער פארשטייער פארלאנגען א סטעיטמענט פון אינטערעסט (SOI). א SOI איז א בריוו פון NYSDOL וואס שילדערט די אויטאריטעט פון אונזערע אגענטורן צו אויספארשן אייער קעיס, שילדערט די נקמה-באזירטע מורא פון ארבעטערס', און NYSDOL'ס אינטערעסע אין פארזיכערן אז ארבעטערס זאלן זיין פריי אנטיילצונעמען אין אונזער אגענטור'ס אויספארשונג דורך אויסראטן די מורא פון אימיגראציע-באזירטע נקמה.

NYSDOL וועט איבערקוקן דעם פארלאנג, און אויב באשטעטיגט, ארויסגעבן אן SOI בריוו צום אמעריקאנער היימלאנד זיכערהייט דעפארטמענט (DHS). איינמאל די SOI ווערט אנגענומען דורך DHS, קען אייער אדוואקאט אדער פארשטייער זיך איינגעבן פאר פארלענגערונג שריט. DHS וועט איבערקוקן אייער אפליקאציע איינאיינעם מיט די SOI און מאכן זייער אייגענע באשלוס איבער אייער ספעציפישע קעיס. די NYSDOL נעמט נישט אנטייל אין די DHS איבערזיכט פראצעדור.

## וואס איז פראסעקיוריטעל דיסקרעשאן?

פראסעקיוריטעל דיסקרעשאן איז א נייע, אפעקטיווע פראצעדור פאר אימיגראנט ארבעטער צו באקומען צייטווייליגע באשיצונג פון דעפארטירונג און ארבעט ערלויבעניש אויב זיי קאאפערירן מיט א NYSDOL אויספארשונג.

## וויאזוי ארבעט פראסעקיוריטעל דיסקרעשאן?

אויב איר זענט פארמישט אין א יעצטיגע און אנגייענדע NYSDOL אויספארשונג און איר האט מורא צו קאאפערירן אין דעם אויספארשונג צוליב מעגליכע אימיגראנט-באזירטע נקמה, קען אייער אדוואקאט אדער פארשטייער פארלאנגען א סטעיטמענט פון אינטערעסט (SOI) בריוו. NYSDOL וועט איבערקוקן דעם פארלאנג, און אויב באשטעטיגט, ארויסגעבן אן SOI בריוו צום אמעריקאנער היימלאנד זיכערהייט דעפארטמענט (DHS). איינמאל עס ווערט אנגענומען דורך DHS, קען אייער אדוואקאט אדער פארשטייער זיך איינגעבן פאר פארלענגערונג שריט.

## פאר ארבעטסגעבער:

אונטער די געזעץ, איז יעצט יעדע ארבעטסגעבער אין ניו יארק סטעיט פארלאנגט צו באשטימען א געשלעכטליכע הארעסמענט פארמיידונג פאליסי אין איינקלאנג צו אפטיילונג 201-g פון די לעיבאר געזעץ. די דעפארטמענט און לעיבאר אין באראטונג מיט די אפטיילונג פון מענטשן רעכטן האט באשטימט א ביישפיל געשלעכטליכע הארעסמענט פארמיידונג פאליסי. די ביישפיל פאליסי, א ביישפיל טרענירונג, און א ביישפיל טאוול זענען אוועילעבל אויף:

ny.gov/programs/combating-sexual-harassment-workplace

## פאר מער אינפארמאציע וועגן אוועילעבל סערוויסעס און הילף

רופט די אפטיילונג פון אויספאלג און עדיוקעישאן טאל-פריי, אויף 877-466-9757 אדער אימעיל'ט צו DOCE@labor.ny.gov.